# יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען

(טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה זייט 9) היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 120 | Łódź, Czwartek, 24 maja 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י׳ סיון תרצ״ד | № 120
Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# נעכטיגער פראטעסט=שטרייק אין א״י
## איז אדורך מיט׳ן גרעסטען ערפאלג
## צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי האט געבראכט 40 יודישע פערוואונדעטע

ירושלים, 23 (יט״א טעלעגראפיש)
דער היינטיגער פראטעסט-שטרייק אין גאנצען לאנד איז אדורך מיט׳ן גרעסטען ע״פאלג. 12 א זייגער האבען זיך אפגעשטעלט אלע ארבייטס-ווארשטאטען, סיזענען געשלאסען געווארען די בוראס און געשעפטען, ס׳איז אפגעשטעלט געווארען דער עפענטליכער פערקעהר.
אין אלע שטעט און אין קאלאניעס זענען פארגעקומען גרויסע פראטעסט - מיטינגען, אויף וועלכע ס׳האבען גערעדט פיהרענדע פערזענליכקייטען פון דער שטאט און פראטעסטירט געגען די עליה-באגרענצונגען פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג.
ירושלים, 23 (ספ. טעל.)
אין תל אביב איז דער אלגעמיינער שטרייק פארגעקומען נארמאל.
נאכמיטאג איז געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי, 40 פערזאן זענען פערוואונדעט געווארען. אין ירושלים זענען נאטירט געווארען א רייה קליינע אינצידענטען.

## בולגאריענס אויסערן=פאליטיק
### ערקלערונג פון נייעם פרעמיער געארגיעוו

וויען, 23 (ספ. טעל.)
לויט ידיעות פון סאפיא האט דער נייער בולגארישער פרעמיער געארגיעוו ערטיילט די פירשטעהער פון דער אויסלענדישער פרעסע א קורצען אינטערוויאו וועגען דער אויסערן-פאליטיק פון דער נייער בולגארישער רעגירונג. דער פרעמיער האט ערקלערט, אז די נייע רעגירונג וועט פארזעצען די אויסלענדישע פאליטיק פון ביז-איצטיגען פרעמיער מושאנאוו, בלויז די מעטאדען וועלען געענדערט ווערען. בולגאריען שטרעבט צו דערהאלטען די בעסטע בעציהונגען מיט איהרע שכנים און איז גוטע צו שליסען מיט יעדער באלקאנישער מלוכה א נישט-אגרעסיע-אפמאך, פון דער אנדער זייט וועט בולגאריען בלייבען טריי דער פעלקער-ליגע.

## היינט פרעזידענטען-וואהלען אין טשעכיע

פראג, 23 (ספ. טעל.)
אויף היינט האלב 10 אינדערפריה איז צונויפגערופען געווארען די טשעכישע נאציאנאל פערזאמלונג, וועלכע דארף וועהלען א מלוכה פרעזידענט, צוליב דעם וואס די קאדענץ פון איצטיגען מלוכה פרעזידענט האט זיך געענדיגט. דער איינציגער קאנדידאט איז דער איצטיגער בעליבטער מלוכה פרעזידענט מאסאריק.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען מייז ליבער מאן, אונזער טייערער פאטער, שוויגער=פאטער, גרויס=פאטער און אנקעל
ב״ע יהודה לייב בעלשאווסקי
אין עלטער פון 84 יאהר.
די לוי׳ קומט פאר היינט, דאנערשטאג, י׳ סיון תרצ״ד. 4 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז צעגעלניאנא 45.
די פאמיליע.

פעראייניגטער יודישער וואהל-בלאק
היינט, דאנערשטאג, דעם 24-טען מאי, 7 א זייגער אווענד קומט פאר אין טעאטער „מאמוס" זגערזשער 17
א גראנדיעזער וואהל=מיטינג
מיט רעדעס וועלען אויפטרעטען די קאנדידאטען פון פעראייניגטען יוד. וואהל-בלאק. איינטריטס-קארטען צו בעקומען אין דער צענטראלע פיעטריקאווער 10 און אין אלע קארפערשאפטען, וואס זענען אנגעשלאסען אין בלאק.

אלע קליינהענדלער, סוחרים, דעטאליסטען, קליין-פאבריקאנטען, בעלי=מלאכות און סתם יודען פון 7-טען וואהל=קרייז
שטימען, זונטאג, דעם 27 מאי
לייבוש ראזענבערג.
האנדעלס-קאמער, פרנס פון דער קהלה אין לאדז, פרעזעס פון קליינהענדלער-פערב., אגראדאווע 10 אין משך פון 18 יאהר פרעזעס פון דער קליינהענדלער-באנק, אגראדאווע 2, — לען דעם דאזיגען קאנדידאט. אויך אין שטאט-ראט וועט לייבוש ראזענבערג מוטיג און עהרליך פערטיידיגען אייערע אינטערעסען! דעריבער אלע ווי איינער, שטימען אין
פאר זייער אויסגעשטעלטען קאנדידאט און אויסגעפרובטען לאנגיעהריגען כלל-טוער און קעמפער פאר די אינטערעסען פון קליינהענדלערטום און סוחרטום, ראטמאן פון דער אייערע אינטערעסען זענען דורך איהם שטענדיג און אומעטום מיט מסירת-נפש פערטיידיגט געווארען — און דאס איז דער שטארקסטער ארגומענט צו וועהלען
7-טען וואהל=קרייז נאר פאר דער קאנדידאטור פון לייבוש ראזענבערג
פעראייניגטער יודישער וואהל=בלאק
וואהל-קאמיטעט ביים קליינהענדלער-פערבאנד. אגראדאווא 10.

פעראייניגטער ציוניסטישער בלאק צום שטאט=ראט
היינט, 8.30 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון פרויען=פערבאנד „וו.י.ז.א." (שענקיעוויטשא 26
גרויסער פרויען=מיטינג
מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען: דעפ. ד״ר ראזענבלאט, לאוויניאעל, ג. ראטמאן י. מ. ביאלער, פרוי דענט. מלכה רעזניק, ד״ר ז. עלענבערג, פרוי בעלא ספעקטאר א. א.
שטימט אוז אגיטירט פאר דער ליסטע פון פעראייניגטען ציוניסטישען בלאק

אויערען, נאז און האלז=קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.) ווי אויך אמבולאטארישע פון 11—2 און פון 5—8 אווענט.

2151
אויפפאדערונג!
דערמיט פאדער איך אויף די ה״ה סטאלינסקי און ליפשיץ מקיים פסק צו זיין לויט דער דין תורה פון הרב ר׳ משה וויים און בוררים ליפסקי און מאליניאק. אין געגנפאל נעהם איך אראב די פעראנטווארטליכקייט פון מיר פאר די ווייטערדיגע פאלגען. מיט אכטונג ה. קאטיאנסקא

Dr. J. NEUMAN
כירורג און גינעקאלאג
(פרויען-ארצט)
נעמט נישט מעהר אן אין דער לעטשניצע „Vita", נור אינדערהיים
פון 11.30 ביז 1 בייטאג און 7 ביז 8.30
זאכאדניא 57, טעל. 128-95

